## קאַפּיטל צוויי

1 און אין אייניקע טעג אַרום איז ער ווידער געגאַנ־
גען קיין כּפר נחום; און מען האָט געהערט,
2 אַז ער איז אינעם הויז. און אַ סך לייט האָבן זיך
פֿאַרזאַמלט, אַזוי אַז עס איז שוין מער נישט געווען
קיין אָרט, אַפֿילו נישט בײַ דער טיר; און ער האָט
3 צו זיי גערעדט דאָס וואָרט. און אייניקע זענען
געקומען, בּרענגענדיק צו אים אַ פּאַראַליזשירטן,
4 וואָס איז געטראָגן געוואָרן פֿון פֿיר. און נישט
קענענדיק אים צובּרענגען צו אים צוליב דעם המון
מענטשן, האָבן זיי אַראָפּגעריסן דעם דאַך וואו ער
איז געווען, און נאָך דעם ווי זיי האָבן אַדורכגעב־
ראָכן, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט דאָס בּעט, אויף
5 וועלכן דער פּאַראַליזשירטער איז געלעגן. און ווי
ישוע האָט געזען זייער גלויבן, זאָגט ער צום
פּאַראַליטיקער: קינד, דײַנע זינד זענען דיר פֿאַרגעבן
6 געוואָרן! עס זענען אָבער דאָרט געזעסן אייניקע
פֿון די סופֿרים, וואָס האָבן באַטראַכט אין זייערע
7 הערצער, פֿאַרוואָס רעדט ער אַזוי? ער לעסטערט
דאָך! ווער קען מוחל זײַן זינד אַחוץ נאָר ג־ט אַליין?
8 און גלײַך דערוויסנדיק זיך אין זײַן גייסט, אַז זיי
האָבן אַזוי געטראַכט, זאָגט ער צו זיי: פֿאַרוואָס
טראַכט איר די דאָזיקע זאַכן אין אײַערע הערצער?
9 וואָס איז לײַכטער: צו זאָגן צום פּאַראַליזשירטן:
דײַנע זינד זענען דיר פֿאַרגעבן געוואָרן; אָדער
10 צו זאָגן: שטיי אויף, נעם דײַן בּעט און גיי? כּדי
אָבער איר זאָלט וויסן, אַז דער בּן־אדם האָט
רשות מוחל־צו־זײַן זינד אויף דער ערד,—זאָגט
11 ער צום פּאַראַליזשירטן: דיר זאָג איך: שטיי אויף,